**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/19/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אז MTA רעקארד פון טעגליכע צאל פאסאזשירן אין פאנדעמיע-תקופה אויפן סאבוועי, Metro-North און LONG ISLAND RAIL ROAD געבראכן די וואך**

***סאבוועיס האבן געפירט 3,601,554 פאסאזשירן, LIRR האט געפירט 182,700 פאסאזשירן און Metro-North האט געפירט 162,100 פאסאזשירן***

***רעקארד פון כמעט 1.2 מיליאן ניו יארקער זענען געפארן מיט די סאבוועי נוצנדיג OMNY***

***50,000 ספעציעלע מעטראָ קארטלעך אין באגרעניצטע צאל אלץ מזכרת פייערנדיג Notorious B.I.G's 50'סטע געבורטסטאג וועלן זיין צו באקומען ביי פיר ברוקלין סאבוועי סטאנציעס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט צוזאמען מיט די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority, MTA) אז די צאל פאסאזשירן אום מיטוואך איז איבערגעשטיגן 3.6 מיליאן, ברעכנדיג א פריערדיגע רעקארד וואס איז געבראכן געווארן בלויז איין טאג פארדעם אום מאי 17 פון 3.535 מיליאן. אין צוגאב, זענען אום דינסטאג, מאי 17 געבראכן געווארן די רעקארדס פון די Long Island Rail Road און די Metro-North Railroad, מיט די Long Island Rail Road דערגרייכנדיג א רעקארד פון 182,700 פאסאזשירן און Metro-North שטעלנדיג א רעקארד פון 162,100 פאסאזשירן. יעדע פון די ציפערן שטייגן איבער די רעקארדס דורכאויס די פאנדעמיע תקופה וועלכע זענען דערגרייכט געווארן אין די עטליכע פארגאנגענע וואכן, און זיי זענען די העכסטע סך הכל זינט מערץ 2020. די סאבוועי סיסטעם איז איבערגעשטיגן די רעקארד וואס עס האט דערגרייכט אום מאי 5 מיט בערך 90,000 פאסאזשירן, LIRR איז איבערגעשטיגן די רעקארד וואס איז דערגרייכט געווארן אום מאי 11 מיט איבער 4,000 פאסאזשירן און Metro-North איז איבערגעשטיגן די רעקארד וואס איז דערגרייכט געווארן אום מאי 10 מיט איבער 3,000 פאסאזשירן. די טאג פון רעקארד צאלן פאסאנשירן פאלגט נאך דעם וואס ניו יארק סיטי טרענזיט האט דערגרייכט א פאנדעמיע-תקופה רעקארד פאר רייזעס דורכאויס די וואכן טעג מיט כמעט 24 מיליאן רייזעס צווישן מאנטאג, מאי 9, און פרייטאג, מאי 13.

"די וואך האט ניו יארק געמאכט נאך אן עררייכונג מיט די צאל פאסאזשירן, איינס פון די מערסט-ערמוטיגנדע צייכענעס אז אונזער ערהוילונג פון קאוויד איז אויפן ריכטיגן וועג", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פובליק טראנספארטאציע סיסטעמען זענען די חיות פון ניו יארק, און מיר וועלן פארזעצן צו טוהן אלעס אין אונזער מעגליכקייט צוריקצוברענגען פאסאנזשירן, העלפנדיג טרייבן אונזער עקאנאמישע ערהוילונג."

א רעקארד צאל פאסאנזשירן נוצן אויך אויס די OMNY און די בויגזאמקייט פון די טיקעטס וואס לייגן א מאקסימום פרייז אויף א באשטימטע תקופה פון נוצן טראנספארטאציע. די צאל רייזעס אויף וועלכע

סאבוועי OMNY איז גענוצט געווארן האט דערגרייכט א רעקארד פון כמעט 1.2 מיליאן רייזעס אום מיטוואך, מאי 18.

די צאל פאסאנזשירן אויףביידע באנען און אויף די סאבוועי האבן געוואקסן אויף א רעגלמעסיגן פארנעם אין די לעצטע צייט אזוי ווי גרויסע פירמעס האבן אנגעהויבן צוריקצוברענגען זייערע ארבייטער אריין אין אפיס אנגעהויבן פון מערץ, און אזוי אויך נאכפאלגנדיג די עפענונג פון א סעריע טיקעט פרייזן פראגראמען וועלכע ווערן אויספרובירט צו ערמוטיגן פאסאנזשירן זיך צוריקצוקערן צו נוצן פובליק טראנספארטאציע דורכן מאכן טיקעטס ביליגער און מער בויגזאם. די פיר טעג מיט די העכסטע צאל פאסאנזשירן אין די פאנדעמיע תקופה אויפן סאבוועי זענען אלע געווען אין מאי 2022, און ביידע באנען האבן דערגרייכט נייע רעקארד צאלן פאסאנזשירן אין די פאנדעמיע תקופה אין יעדע פון די לעצטע 3 וואכן.

**מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט טשעיר און CEO דזשענאָו ליעבער האט געזאגט,** "די וואכיגע רעקארד אין צאל פאסאנזשירן אויף ביידע פון אונזערע באנען און אויף די סאבוועי זענען בלויז די לעצטע באווייזן אז ניו יארק'ס צוריקקערונג ווערט געטריבן דורך פובליק טראנספארטאציע. מיר זענען איבערגעגעבן צוריקצוברענגען פאסאנזשירן מיט די נייע 'Lucky 13' OMNY (מזל'דיגע 13) וועכענטליכע אומבאגרעניצטע טיקעט און אנדערע טיקעט דיסקאונט אפציעס, און אזוי אויך אפטע, פארלעסליכע סערוויסעס, און מיר קענען נישט ווארטן צו ענטפאנגען מער ניו יארקער צוריק צו פובליק טראנספארטאציע אין די קומענדיגע וואכן און חודשים."

**ניו יארק סיטי טרענזיט פרעזידענט ריטשארד דעיווי האט געזאגט,** "די סאבוועי איז קריטיש וויכטיג צו מאכן ניו יארק סיטי די ווירבלנדע פלאץ וואס עס איז. די שטארקע וואוקס וואס מיר זעהען אין די צאל סאבוועי פאסאנזשירן דורכאויס דעם חודש מאי דעמאנסטרירט אז אזוי ווי ניו יארק סיטי זעצט פאר זיך צוריקצוקערן, קערן זיך אונזערע פאסאנזשירן צוריק צו די סאבוועי סיסטעם — דער בעסטער און מערסטע ענווייראמענט-פריינטליכער וועג זיך צו באוועגן ארום די סיטי."

**Metro North פרעזידענט און צייטווייליגע Long Island Rail Road פרעזידענט קעטערין רינאַלדי האט געזאגט,** "איך בין גאר באגייסטערט צו זעהן סיי די Metro-North און סיי די LIRR ברעכנדיג די רעקארדס פון צאל פאסאנזשירן ווידעראמאל פאר די צווייטע וואך אין א ציה. פארן מיט די באן איז דער שנעלסטער, גרינגסטער און מערסטע ענווייראמענט-פריינטליכער וועג זיך צו באוועגן ארום די ניו יארק מעטראפאליטען ראיאן, און אזוי ווי מיר גייען אריין אין די זומער חודשים, קוקן מיר ארויס צו ענטפאנגען מער פון אונזערע קליענטן צוריק אויפן באן."

**מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט טשיעף קאסטומער אפיצירן סערע מעיער האט געזאגט,** "די פאנדעמיע-תקופה רעקארדס ווייזן אויף אז פאסאנזשירן רופן זיך אפ צו אונזערע נייע טיקעט פרייזן פראגראמען דורכן זיך צוריקקערן צו פובליק טראנספארטאציע. עס דערפרייידט מיר באזונדער צו זעהן רעקארד צאלן פון אונזערע קליענטן נוצנדיג OMNY אויפן סאבוועי אין די צייט וואס מיר זעצן פאר צו ערמוטיגן פאסאנזשירן צו אויסנוצן און זיך לאזן וואוילגיין מיט די "Lucky 13" טיקעטס וואס קומען מיט א מאקסימום באצאלונג פאר א באשטימטע צייט אפשניט."

די אויטאריטעט זעצט פאר צו אפפערן פאר פאסאנזשירן נייע און באגייסטערנדע דיסקאונטס אזוי ווי עס ברענגט צוריק פאסאנזשירן צו פובליק טראנספארטאציע. צו ערמוטיגן באן פאסאנזשירן זיך צוריקצוקערן, האבן Metro-North און Long Island Rail Road געמאלדן טיקעט פרייזן דיסקאונט פעקעדזשעס, אריינרעכענענדיג דאס ארויסקומען פון א נייע 20-רייזעס טיקעט צו גיבן א לייזונג פאר מענטשן וואס ארבעטן סיי פונדערהיים און סיי פון די אפיס. די 20-רייזע טיקעט אפפערט פאר פאסאנזשירן 20 פראצענט נידעריגער אין פארגלייך צו 20 איין-וועג טיקעטס אין פארנומענע צייטן ווען

עס ווערט געקויפט דורך MTA eTix אדער ביי א טיקעט פענסטער און עס איז גילטיג פאר 60 טעג. אום פעברואר 28 איז די אויטאריטעט ארויסגעקומען מיט א פראבע אויף א מעגליכקייט צו האבן א מאקסימום באצאלונג אין א באשטימטע צייט אפשניט דורך אירע קאנטאקטלאזע רייזע באצאלונג סיסטעם OMNY וואס לייגט א מאקסימום אויף וועכנענטליכע סאבוועי און באס פרייזן. די פראבע רעכנט אריין א "Lucky 13" פיטשעווקע, דורך וועלכע – אנגעהויבן פון די 13'טע רייזע פון יעדע וואך – וועט יעדע רייזע נאכדעם אויף די סאבוועי אדער באסעס זיין אומזיסט פאר די רעשט פון די וואך.

אין צוגאב וועט די ניו יארק סיטי טרענזיט פייערן די וואך Notorious B.I.G o'50'סטע געבורטסטאג מיט 50,000 ספעציעלע מעטראו קארטלעך אין א באגרעניצטע צאל אלץ מזכרת, דא צו באקומען ביי פיר ברוקלין סאבוועי סטאנציעס. מעטראו קארטלעך מיט א בילד פון Notorious B.I.G אויף די הונטערשטע זייט וועלן זיין צו קויפן אנגעהויבן פון 12:01am שבת, מאי 21 — כל הקודם זכה. קארטלעך וועלן זיין צו באקומען נאר ביי די ווענדינג מאשינען וואס נעמען אן אלע סארטן באצאלונגען, אריינרעכענענדיג קרעדיט, דעביט און קעש, ביי די פאלגנדע סטאנציעס אין צענטראל ברוקלין: Lafayette Av (C), Clinton-Washington Av(C), Clinton-Washington Av (G), און Atlantic Av - Barclays Ctr (2, 3 4, 5, B, D, N, R, Q)

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418